


# קעש הילף: פארוואס זיין אין איינקלאנג מיט NYC טשיילד סופארט?

## פראגע: ווער ווערט פארלאנגט צו זיין אין איינקלאנג מיט טשיילד סופארט?

**ענטפער:** פעדעראלע און ניו יארק סטעיט געזעצע פארלאנגט אז איר זאלט זיין אין איינקלאנג מיט טשיילד סופארט ווען איר האט א מינדעריעריגע קינד אויף אייער קעש הילף בודזשעט און דער קינד'ס אנדערע עלטערן (נאן-קאסטאדיעל עלטערן) איז נישט אויף די זעלבע בודזשעט. לאזט אייער FIA ארבעטער וויסן אויב איר האט שוין א טשיילד סופארט באפעל פאר אלע קינדער אויף אייער קעיס.

## פראגע: וואס פאסירט אויב איך בין נישט אין איינקלאנג מיט טשיילד סופארט?

**ענטפער:** אייער בענעפיטן קענען ווערן פארמינערט ווי פאלגנד, אויב איר זענט נישט אין איינקלאנג:

- אייער קעש הילף בענעפיט קען פארמינערט ווערן מיט כאטש 25%;
- איך קענט פארלירן Medicaid פאר זיך;
- איר קענט ווערן אומבארעכטיגט פאר געוויסע רענטאל הילף פראגראמען אדער האבן אייער רענטאל סופלעמענט פארמינערט;
- איר וועט נישט ערהאלטן ביז צו $200 א מאנאט אין טשיילד סופארט באצאלונגען אין צוגאב צו אייער קעש הילף בענעפיט - און מער ווען איר דארפט מער נישט קעש הילף.

## פראגע: ווען און וואו איז מיין טשיילד סופארט אינטערוויו?

**ענטפער:** ביטע קוקט די אפוינטמענט מעלדונג געשיקט מיט די מעילינג.

אויב איר האט עס פארלוירן, דארפט מער אינפארמאציע, ווילט א ווירטואלע אפוינטמענט, אדער דארפט ווידער באשטימען אייער אפוינטמענט, ביטע פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע טשיילד סופארט בארא אפיס. טרעפט אייער לאקאלע בארא אפיס אויף https://on.nyc.gov/contactocss. צו ווידער באשטימען אן אפוינטמענט אדער פארלאנגען א ווירטואלע אפוינטמענט ביטע רופט אונז כאטש 24 שעה פאר דעם.

קאפיעס און איבערזעצונגען פון דאס און אלע רעפערירטע דאקומענטן זענען אוועילעבל אויף **https://on.nyc.gov/custodialparent** אדער נוצט די QR קאוד אונזן.

## פראגע: קען איך ווערן אנטשולדיגט פון טשיילד סופארט?

**ענטפער:** פאלגנד זענען געוויסע ביישפילן פארוואס איינער קען מעגליך ווערן אנטשולדיגט פון טשיילד סופארט אדער צייטווייליג אדער פערמענאנט. אפילו אויב איר פאסט אריין אין די קאטעגאריעס, דארפט איר זיין אנוועזנד ביי אייער טשיילד סופארט אפוינטמענט צו ערקלערן אייער צושטאנד און דורכשמועסן די ווייטערדיגע שריט.

- איר האט זארגן פאר אייער אייגענע און/אדער אייער קינד(ער)'ס זיכערהייט אויב די אנדערע עלטערן ווערט געבערענגט אין געריכט און ווערן באפוילן צו באצאלן טשיילד סופארט. געפינט אויס מער אויף https://on.nyc.gov/custodialparent אונטער "באקומען טשיילד סופארט זיכערערהייט".
- אייער קינד קומט פון א שוואנגערשאפט וואס האט פאסירט דורך אינסעסט אדער געוואלד.
- איר ארבעט מיט אן אדאפשען אגענטור צו ערלעדיגן די אדאפשען פון אייער קינד.

> אײדער איר גייט צו אייער אפוינטמענט, ביטע ליינט סיי **"LDSS-4279 מעלדונג פון פאראנטווארטליכקייטן און רעכטן פאר סופארט"** און **"W-280a אינפארמאציע פאר אלע מעגליכע טשיילד סופארט אפליקאנטן איבער באקומען טשיילד סופארט זיכערערהייט"**. אויב איר האט סיי וועלכע זיכערהייט זארגן נאכן ליינען די דאקומענטן, ביטע פארבינדט זיך מיט אייער FIA ארבעטער, וועלכע וועט אייך רעפערירן צו אן HRA דאמעסטישע געוואלדטאט לעיזאן. צוזאמען קענט איר באשליסן אויב טשיילד סאפארט איז זיכער פאר אייך און אייער פאמיליע.

## דארפט איר הילף?

ביטע באזוכט אדער פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע בארא אפיס. טרעפט אייער לאקאלע בארא אפיס אויף https://on.nyc.gov/contactocss.